Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מאַרקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

26

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 26

עס איז פרילינג אינ וועג און אפ דניעפּער איז קריִע.
און די קריִע איז גרויס, און די קריִע איז דול, —
ס'איז דעם ברעג און דעם דנאָ פונ די וואסערנ שווער,
און דער דניעפּער איז בייז, און דער דניעפּער איז פול, —
הייבט זיכ קריִע אפ קריִע. פּאָרנ בערג זיכ מיט בערג,
און זיי מעלדנ דעם אופשטייַג פונ שטאנגענ א קריג.

אלעמאָל גיט א בארג זיכ א וואָרפ אפ א שפּונט
און מיט שוימיקנ שטויב שפּרינגט ער אָפּ אפ צוריק,
אלעמאָל גיט זיכ אייַז מיט די אקסל א הייב,
ס'האָט די ווינטיקע קריִע געמאָלדנ א קריג,
אלעמאָל גיט א ריס פונ דער טיפ זיכ דער גרונט, —
ס'איז פּארפלייצונג ארויס אפ געלאָקער און רויב.

נאָר עס רודערן הייבערס אַפ לינקס און אַפ רעכטס,
נאָר עס רעווען סירענעס און טרײַבן דעם ווינט,
און סע זעט ווי א דאַמפּער די הרעבליע שווינ אויס
אַפ צעשטורעמטן יאַם. און באַפעלן — געשווינד! —
און עס מישן באַנאַנד זיך די טעג מיט די נעכט,
די פאַרפּלייצונג איז ווילד, די פאַרפּלייצונג איז גרויס!

נאָר דער שליוז בא די נעכט ז'א באַלויכטענער צוג
אַפ די אײַזיקע הרודעס פון שוימיקן דניעפּ,
אַפן צוג — מיליאָנען! מע שווימט אין קאַיאָר
און מע לאָזט די צעיושעטע קריִע ניט צו:
נאָך א פלאַסט אין דער הייך! נאָך א פלאַכט אין דער גרעב!
נאָך א פלאַסט פונעם לײַב און פון הארץ — וויפל נאָך?

און מע שווימט אין דער הייך אַפ בעטאָנענער פלאַך
צווישן שוימיקן בליאַסק פון צעפּענטעטער קריִע,
און מע טראָגט אים, דעם שליוז, קעגן ווינט, קעגן שטראָם,
און די הרעבליע מע טראָגט אַפ די הענט דורך געפאַר:
— אוי, איר לאַצמאַנשע בערד פונעם ערשטן באַגין,
— אוי, איר לאַצמאַנשע זיידעס פון לעצטן פאַראָם!

און א טאָג נאָך א טאָג. און א נאַכט נאָך א נאַכט.
עס איז ליב. עס איז לויב. עס איז פריידיק געווען.
און עס ווייסט ניט דאָס הארץ צו דעם שטײַגן קיין זעט.
נאָר פאַרפלייצונג איז גרויס. נאָר פאַרפּלייצונג זיך שפּאַרט —
נ'ווען מע טרײַבט פון דער הייך איר באַפאַל און באַטריפ,
רײַסט זי אוף ווי אַן אָדער — א קוואַל אין דער טיפ.

א מינוט. און א שאָ. און די ביט איז פארפלייצט.
און די ביט איז פארקרימט ווי דערטרונקענעמס מויל.
ס'זײַנען כוואליעס אפ שטיגנ. ס'זײַנען כוואליעס אפ טרעפ.
און זיי רײַסנ זיכ העכער צום ראנד מיט געהויל,
און זיי פרעסנ די באָלטנ מיט בליצ און מיט קרייצ,
און עס וויגט זיכ די ווײַט און עס וויגט זיכ דער דניעפ.

איז אפ ליכטיק געבורט און אפ ליכטיקער פײַנ
זײַנען בארזשיקע טעג איבער דניעפער געגאנ,
אָנגעלאָדענע דול מיט גערודל און מיט שטיינ,
אָנגעלאָדענע דול מיט געוואג און פארלאנג,
אָנגעלאָדענע דול מיט באלאסט און געביינ,
און, ווי טרײַבער, — צופוס — איז געגאנגענ דאָס לאנד.

און א וויכער אנטקעגנ — אנטקעגנ — גערויש!
אפ פארלעגערטע שטרעקעס, אינ ווײַטנ פאָרויס
איז פארפלייצונג געגאנגענ — אינ געוווי און אינ ברויז
און געגאנ מיט אָפגרונט, מיט פאנצערס פונ אוראלט,
און געמוסקלט מיט פעלדז, און באפליגלט מיט שטורעמ,
און מע זעט ניט קיינ „אײַנ" און מע זעט ניט קיינ „אויס"...

און געמאָלדנ דאָס לאנד האָט מיט שטאָלענעמ קאָל,
און געמאָלדנ דאָס לאנד האָט מיט דאָרשט פונ באשאפ:
— אינ אויסגלי פונ שטורעמ און שלאכטנ פאר פרײַהײַט,
געענדערט מיר האָבנ דעמ גאנג פונ דער צײַט,
און מיר האָבנ געענדערט דעמ טאָכ פונ דער צאָל,
און באצווינגענ מיר וועלנ דעמ זינ פונ דײַנ קראפט!

ניט קיין זאמד, ניט קיין שטיין ליגט צעלייגט אפ דײַן ברעג,
ניט קיין זיסער געהויקס און באלוין פון דער ערד,
ס'ליגן ביינער פון דוירעס, געביין פון א לאנד,
ס'ליגן מענגעס צעשטיינערטע שארבנס פון קנעכט.
די, וואָס האָבן אין כעסעד געוואַרט דאָרט אין שרעק
בא דער ראָד פון גוירלעס — געקרייצט און געשפאנט.

מיר ווארטן ניט מער אפ קיין נעס און פארטרוי!
מיר בעטן ניט מער אפ קיין טויען-געטריפ —
מיר ווילן א הייב טאָן דעם שארבלאט פון דר'הייב,
און גרונטעווען דארפן מיר איצטער די טיף —
ביסט מער ניט קיין „גוירל", סטיכיִע, — ביסט שטאָף,
און באהערשן מיר וועלן דיך ביז צו דעם סאָף!

מיר וועלן דיך אופשנײַדן דרייסט, ווי א בוך,
דײַן בלינדע פארוואנדלונג, דײַן גאנג, דײַן געבורט,
און זײַן וועט דײַן יעטווידער אטאָם אַן אָס,
באטרונקען מיט דאָרשט, מיט באגער און מיט פרווו,
אז יעדערער לייענען זאָל קאָנען דיך פראָסט,
און גיין זאָל דײַן קראפט אפ איר העכסטן בארוף! —

איז פאנאנדערגעשניטן דער דניעפּ אין דער מיט,
זײַנע דנאָפּקע גאָרגלען מע לייט און מע שמידט.
דאָרט, ווו קוואל האָט געפלייצט, איז א צוים און א נעסט.
און מע פײַלט און מע גלײַכט און מע פורעמט זיי פעסט,
און מיט שטאנגען-געקרעמפּ און מיט פענטעס פון שטאָל
שנײַדן פלאָמבעס זיך אײַן דאָרט פון שטיין און בעטאָן.

נאָר דער אָפּגרונט ז׳פּארטײַעט, ער סאָפּעט און היט
יערן אָנגריף פון מענטש, פון געוואג און פון טריט.
און ווי עקבערס צעלאָזט ער די שטראָמען און וועקט:
גײט, צעהריזעט, צעגראָבט דאָס גראניטן־געוועב!
גײט ארויס, רײַסט זיך דורך פון פארבאָרגנסטער טיף
און באפאלט און באלאגערט און ברעכט דעם מאסיוו!

עס צעטראָגט זיך א קרעכץ אין דער ווײַט — האָריזאָנט,
עס צעשיטן זיך הילצערנע ביטן מיט שטײן —
און אָט רופט מיט געלענק שוין א וואנט צו א וואנט,
און עס זײַנען שוין כוואליעס אין דר׳הײך — אויבנאָן
מיט צעבלאָזענע מײַטקעס אין בלויען געבלאנק,
און א ווילדער האָפּאק איבער בראָך און געביין:

רונדיק־אָנגעגאָסענע
קעסלען — בלויער שטאָל —
אָט וועט מען א קאָסע טאָן
זיבן אפאמאָל.

גרויזאמע און נאקעטע,
שיקערע פון בלענד —
אָט וועט מען אן אקער טאָן
מיט רוקן און מיט לענד!

אָט וועט מען א סמאָקע טאָן
סמאליעדיקע פענט —
הייסע און פארסאָפּעטע
סנאָפּעדיק געלענדט!

שלײַדערן און וואַרפן זיך,
זעצן זיך אַף קעפּ —
רײַסן די באַנאַכטיקע
פינצטערניש ווי קרעפּ.

אופגעשוימיקט־שטויביקע
שוימען־קעפּ אין דר'הייך
שמײַסן דאָרט ווי שויבן אויס
די נעפּלען מיט דעם רויך.

וואַקלט און סע קרישעט זיך
דניעפּערישער טראַכט —
טויבע און פאַרלישעטע —
טאָג און נאַכט.

און מיט שטאַנג געאַרעמטע
אוף און אָפּ —
ווערט מען זיך אַ וואַרעם טאָן,
כוואַליעס, — גאַלאָפּ!

טוקן זיך און טראָגן זיך
מיט פּרענט אַף פּרענט,
ווי מעכטיקע, ווי שטאָלענע,
ווי קאַרפּן אין די הענט.

און הייבן זיך ווי בוטעליעס
און טשאָקען זיך: פאַר בראָך!
בײַטשיקע, אין בלוטיקע,
און סאָפּענדיקע: נאָך!

יאָגן זיי און פאסיקן
בליציקן געפאר:
אָט וועלן זיי א טראסקע טאָן
לאמטערנעס אין דער נאכט.

מיט שטורעם-ווינט מיט סטעפּיקן
צעוויכערט אין דער לופט, —
און דעם דניעפּער שלעפּן זיי
און וועקן אים: — שטיי אוף!

אוראלטער, גרויזאמער
זיידע — פארנעם,
דיינע גלעקער טויזנטער
צעהוידע און צעקלעם!

ברעכ זיכ אופעט בראגענער
פון ברעגעדיקער בעט —
באפאלן מ'האָט! באלאגערונג!
אנ אונטערגראָב. מע פלעט!

רייסט זיכ אופעט, בערגיקע
קרוינען פונעם סטעפּ, —
פארטרינקען און דערווערגן זיי —
אנ אָנפאל אפן דניעפּ!

אראָפּשלעפּן אין טאָל אראָפּ
פון אָפּגרונטיקער נאכט, —

שווימען זיי אפ שטאָלענע
שטאבעס און מע שפּארט.

שטורעמווינט! ניט אלץ איז נאָך,
מע זעגלט זיך נאָך דרייסט,
סמאָקען זיי און האלדזן זיך
און סאָפּען אויס די שפּײַז.

טיף און ווײַט דער וועג איז נאָך,
צום אָפּגרונט—דער פּארפיר,
איז אפגיך געוועגנט זיך
מיט הימל און מיט ליכט!

טאַנצן זיי — געטוליעטע,
געאָרעמטע מיט טרעפּ—
ווי רויב־פייגל צעהוליעטע,
ווי רויב-פייגל אין שרעק.

מיט שטאָל־ריפּן געפּאסיקטע,
מיט שטאָלן־שריפט באקלעפּט,
און שווער איז שוין די וואסערן,
און ענג איז שוין דעם דניעפּ.

— אורא־לטער, גרויזאמער
זיידע—געטרײַ,
דײַנע גלעקער טויזנטער
טראָגן זיך איצט פרײַ. —

זיי הייבן זיך ווי בוטעליעס
און טשאָקען זיך: פאר בראָך!
בײַטשיקע, און בלוטיקע,
און סאָפּענדיקע: נאָך!

די פארפלייצונג צעטיילט זיך מיט מענטשלעכער מי,
זי צעטיילט זיך מיט איר ווי מיט העפקערן רויב, —
ס'טאנצן כוואליעס ווי שיירים און שרײַען געשמידט:
— היי, צעפראלע זיך, אָפּגרונט! די ווינטן פארטרוי!
וואָס פארלאנגסטו איצט מער? וואָס פארלאנגסטו איצט נאָך?
מיר וועלן דיר ברענגען מיט בלענד און מיט בראָך! —

בייגן כוואליעס אראָפּ די בעטאָנענע ווענט,
טראָגן שטראָמען די שטאבעס ווי שפּײַז אין דער טיף —
ס'האָט דער דניעפּער צעשמעטערט זײַן שטאָלענעם פענט
און דורך יעטווידן פלאצ איז — פארפלייץ און געטריפ.
און די טיף ערגעץ פלאצט, און זי ברעכט, און זי מישט —
די פארפלייצונג צעטיילט זיך מיט מענטשלעכער מי.

איז וועט זײַן א געוועט! איז וועט זײַן א פארפרוי!
און א שלאכט צווישן מי און סטיכיע וועט זײַן!
און א וואונדער וועט זײַן אף די וואונדן פון שײַן,
מ'איז ארויס און מ'איז דאָ —
פון דער ווײַט, פון דער נאָנט,
און ס'איז קלוג דער באפעל, נ'אפ באהערש איז דער רוף!